______________________________

שם ______________________

ליהודים היתה אורה ושמחה וששן ויקר

# פורים













מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד

בעזהשי"ת

# שַׁאֲלוֹת אוֹיף יוֹם טוֹב

# פּוּרִים

(טֵייעֶרֶע יוּנְגֶל, נֶעם אַרוּם דִי רִיכְטִיגֶע עֶנְטְפֶער)

## וִוי אַזוֹי הֵייסְט דִי פַאסְטוּנְג פַאר פּוּרִים ?

עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת

תִּשְׁעָה בְּאָב

תַּעֲנִית אֶסְתֵּר

## וִויפִיל בְּרָכוֹת זָאגְט מֶען פַארְ'ן לֵיינֶען דִי מְגִילָה ?

אֵיינְס

צְוֵויי

דְרֵיי

## וִויפִיל מִצְווֹת דַארְף מֶען טוּהְן אִין יוֹם טוֹב פּוּרִים ?

פִיר

דְרֵיי

פִינֶעף

## פַאר וֶועמֶען הָאט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה ?

פַאר אַלֶעמֶען

נָאר פַאר דִי אִידְן

נָאר פַאר דִי קִינְדֶער

## מִיט וֶועלְכֶע כֵּלִים הָאט מֶען זִיךְ בַּאנוּצְט בֵּיי דִי סְעוּדָה ?

נַייֶע כֵּלִים

כֵּלִים פוּן פְּלַאסְטִיק

כֵּלִים פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ

## וָואס הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען פַאר מָרְדֳכַי וֶוען מְ'הָאט אִים אַרוּם גֶעפִירְט מִיט דִי פֶערְד ?

לַיְהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה

כָּכָה יֵעָשֶׂה לָאִישׁ אֲשֶׁר הַמֶלֶךְ חָפֵץ בִּיְקָרוֹ

וְנַהֲפוֹךְ הוּא אֲשֶׁר יִשְׁלְטוּ הַיְהוּדִים

# לֵיינֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין

## פּוּרִים

פּוּרִים אִיז דָא פִיר מִצְווֹת וָואס מְ'דַארְף מַאכְן: א] אֵיינְס, "מִקְרָא מְגִילָה" - מְ'דַארְף הֶערְן דִי מְגִילָה בֵּיינַאכְט אוּן אוֹיךְ צוּפְרִי, דֶער בַּעַל קוֹרֵא וָואס לֵיינְט דִי מְגִילָה, מַאכְט פַארְ'ן לֵיינֶען דְרֵיי בְּרָכוֹת:

1) אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל מִקְרָא מְגִלָּה:
2) שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ בַּיָּמִים הָהֵם בַּזְּמַן הַזֶּה:
3) שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה:

מְ'דַארְף אַרֵיין קוּקְן אוּן אוֹיסְהֶערְן פוּן אִינֶעוֵוייניג דִי גַאנְצֶע מְגִילָה, מְ'טָאר נִישְׁט רֶעדְן אִינְמִיטְן לֵיינֶען דִי מְגִילָה, וֶוען דֶער בַּעַל קוֹרֵא זָאגְט דִי וָוארְט הָמָן פִירְט מֶען זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן מִיט אַ גְרַאגֶער אוֹיסְצוּמֶעקְן דֶעם רָשָׁע הָמָן וָואס אִיז אַ אֵיינִיקְל פוּן עֲמָלֵק.

ב] דִי צְוֵוייטֶע מִצְוָה אִיז שִׁיקְן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מְ'דַארְף שִׁיקְן עֶסְן וָואס מְ'קֶען עֶסְן בֵּיי דִי סְעוּדָה פוּן יוֹם טוֹב פּוּרִים.

ג] דִי דְרִיטֶע מִצְוָה אִיז מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, מְ'דַארְף גֶעבְן פַאר צְוֵויי אָרִימֶעלֵייט גֶעלְט אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען קוֹיפְן עֶסְן אוֹיף דִי סְעוּדָה פוּן יוֹם טוֹב פּוּרִים.

ד] דִי פֶערְטֶע מִצְוָה אִיז מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה, מְ'דַארְף עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען וֵויין לְכָבוֹד דִי גְרוֹיסֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים.

# װֶער???

װֶער אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג אוֹיף הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוַואנְצִיג לֶענְדֶער ?

- ○ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ
- ○ הָמָן
- ○ וַשְׁתִּי

װֶער הָאט גֶעפֵּיינִיגְט דִי אִידִישֶׁע מַאמֶעס אִין שַׁבָּת ?

- ○ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ
- ○ הָמָן
- ○ וַשְׁתִּי

װֶער אִיז גֶעוָוארְן קְרֶעצִיג ?

- ○ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ
- ○ הָמָן
- ○ וַשְׁתִּי

פַאר וֶועמֶען הָאט זִיךְ מָרְדֶכַי נִישְׁט גֶעוָואלְט בִּיקְן ?

- ○ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ
- ○ הָמָן
- ○ וַשְׁתִּי

װֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן ?

- ○ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ
- ○ הָמָן
- ○ וַשְׁתִּי

װֶער הָאט אָנְגֶעגְרֵייט דִי בוֹים פוּן פוּפְצִיג אַמָה ?

- ○ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ
- ○ הָמָן
- ○ וַשְׁתִּי

וועמֶען הָאט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ גֶעהֵייסְן מְ'זָאל אוֹיפְהֶענְגֶען?

- ○ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ
- ○ הָמָן
- ○ וַשְׁתִּי

וועמֶענ'ס צֶען קִינְדֶער הָאט מֶען אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען ?

- ○ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ
- ○ הָמָן
- ○ וַשְׁתִּי

# וֶוער???

וֶוער הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין צוּ דִי סְעוּדָה פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ ?

- ○ מָרְדֳכַי
- ○ אֶסְתֵּר

וֶוער אִיז גֶעוֶוען דִי נַייֶע מַלְכָּה?

- ○ מָרְדֳכַי
- ○ אֶסְתֵּר

וֶוער הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּהְן אַ זַאק ?

- ○ מָרְדֳכַי
- ○ אֶסְתֵּר

פַאר וֶועמֶען הָאט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט זַיין שְׁטֶעקְן?

- ○ מָרְדֳכַי
- ○ אֶסְתֵּר

פַאר וֶועמֶען הָאט הָמָן אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר ?

- ○ מָרְדֳכַי
- ○ אֶסְתֵּר

וֶועמֶען הָאט הָמָן אַרוּם גֶעפִירְט ?

- ○ מָרְדֳכַי
- ○ אֶסְתֵּר

וֶוער הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אַז הָמָן וִויל הַרְגֶענֶען דִי אִידְן ?

- ○ מָרְדֳכַי
- ○ אֶסְתֵּר

וֶוער הָאט בַּאקוּמֶען דִי שְׁטוּב פוּן הָמָן ?

- ○ מָרְדֳכַי
- ○ אֶסְתֵּר

## עֶס אִיז דָא צוּשְׁפְּרֵייט אוֹתִיוֹת טְרֶעף אוֹיס דִי וֶוערְטֶער:

- ☐ מִקְרָא
- ☐ מְגִילָה
- ☐ מִשְׁלוֹחַ
- ☐ מָנוֹת
- ☐ מַתָּנוֹת
- ☐ לָאֶבְיוֹנִים

- ☐ מִשְׁתֶּה
- ☐ וְשִׂמְחָה
- ☐ פּוּרִים
- ☐ גְרַאגֶער
- ☐ הָמָן
- ☐ טַאשְׁן

- ☐ מָרְדֳכָי
- ☐ אֶסְתֵּר
- ☐ שׁוּשָׁן
- ☐ זֶרֶשׁ
- ☐ וַשְׁתִּי
- ☐ חַרְבוֹנָה

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| דִ | הָ | מָ | ן | טַ | א | שְׁ | ן | י | לָ |
| מָ | רְ | דֳ | כָ | י | ר | תֵּ | סְ | אֶ | אֶ |
| קָ | א | חַ | מִ | פּ | וּ | רִ | י | ם | בְ |
| מִ | ר | רְ | שְׁ | מִ | קְ | רָ | א | זֶ | י |
| י | ע | ב | תֶּ | חַ | טֶ | ע | פ | רֶ | וֹ |
| ן | גֶ | וֹ | ה | וֹ | וּ | ן | חֵ | שׁ | נִ |
| שָׁ | א | נָ | י | ל | מָ | נ | וֹ | ת | י |
| וּ | רַ | ה | י | שְׁ | וַ | שְׁ | תִּ | י | ם |
| שׁ | גְ | דֶ | ר | מִ | מְ | גִ | י | לָ | ה |
| מַ | תָּ | נ | וֹ | ת | ה | חָ | מְ | שׁ | וְ |

# מַאךְ אַ סִימָן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ:

אוֹיבּ ס'אִיז רִיכְטִיג אָדֶער נִישְׁט רִיכְטִיג

**אֶסְתֵּר אִיז דִי מַאמֶע פוּן אֲחַשְׁוֵורוֹשׁ**

- ❑ רִיכְטִיג
- ❑ נִישְׁט רִיכְטִיג

**מָרְדֳּכַי הַצַּדִיק בִּיקְט זִיךְ נִישְׁט צוּ הָמָן הָרָשָׁע**

- ❑ רִיכְטִיג
- ❑ נִישְׁט רִיכְטִיג

**מָרְדֳּכַי הַצַּדִיק אִיז אַ פֶעטֶער פַאר אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה**

- ❑ רִיכְטִיג
- ❑ נִישְׁט רִיכְטִיג

**אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה זָאגְט נִישְׁט פַאר אֲחַשְׁוֵורוֹשׁ פוּן וואוּ זִי שְׁטַאמְט**

- ❑ רִיכְטִיג
- ❑ נִישְׁט רִיכְטִיג

**מְ'הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען פִינֶעף קִינְדֶער פוּן אֲחַשְׁוֵורוֹשׁ**

- ❑ רִיכְטִיג
- ❑ נִישְׁט רִיכְטִיג

**שַׁבָּת פַאר פּוּרִים הֵייסְט שַׁבָּת הַגָּדוֹל**

- ❑ רִיכְטִיג
- ❑ נִישְׁט רִיכְטִיג

# מַאך אַ סִימָן בַּיי יֶעדֶע זַאך:

## אוֹיב ס'אִיז רִיכְטִיג אָדֶער נִישְׁט רִיכְטִיג

תַּעֲנִית אֶסְתֵּר גֶעבְּט מֶען אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל

❑ רִיכְטִיג
❑ נִישְׁט רִיכְטִיג

פּוּרִים עֶסְט מֶען לַאטְקֶעס

❑ רִיכְטִיג
❑ נִישְׁט רִיכְטִיג

פּוּרִים טְרִינְקְט מֶען וַויין

❑ רִיכְטִיג
❑ נִישְׁט רִיכְטִיג

פּוּרִים שְׁפִּילְט מֶען מִיט אַ דְרֵיידְל

❑ רִיכְטִיג
❑ נִישְׁט רִיכְטִיג

עֲמָלֵק אִיז דֶער זֵיידֶע פוּן הָמָן הָרָשָׁע

❑ רִיכְטִיג
❑ נִישְׁט רִיכְטִיג

עֲמָלֵק אִיז דֶער זֵיידֶע פוּן אֲחַשְׁוֵורוֹשׁ

❑ רִיכְטִיג
❑ נִישְׁט רִיכְטִיג

מְ'מֶעקְט אוֹיס הָמָן מִיט אַ גְרַאגֶער

❑ רִיכְטִיג
❑ נִישְׁט רִיכְטִיג

חַיִּים הָאט גֶעשִׁיקְט פַאר זַיין חַבֶר יוֹאֵלִי אַ מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת

# צוּ אַ פַּאס פוּן דִי זַאכְן
# צוּ דִי בְּרָכָה
# וָואס מְ'דַארְף מַאכְן

| | |
|---|---|
| מַאראַנְצְן | הַמּוֹצִיא |
| פִּיש | שֶׁהַכֹּל |
| בַּנַנֶה | בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן |
| מִיץ עֲנָבִים | מְזוֹנוֹת |
| הָמָן טַאשְׁן | הָעֵץ |
| בִּילְקֶעס | אֲדָמָה |

# נִיגוּנִים

שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה בִּרְאוֹתָם
יַחַד תְּכֵלֶת מָרְדְּכָי: תְּשׁוּעָתָם הָיִיתָ
לָנֶצַח. וְתִקְוָתָם בְּכָל דּוֹר וָדוֹר: שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב
צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה בִּרְאוֹתָם יַחַד תְּכֵלֶת מָרְדְּכָי: לְהוֹדִיעַ
שֶׁכָּל קוֹיךָ לֹא יֵבֹשׁוּ. וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח כָּל
הַחוֹסִים בָּךְ: שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה בִּרְאוֹתָם
יַחַד תְּכֵלֶת מָרְדְּכָי: אָרוּר הָמָן אֲשֶׁר בִּקֵּשׁ
לְאַבְּדִי. בָּרוּךְ מָרְדְּכַי הַיְּהוּדִי: שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב
צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה בִּרְאוֹתָם יַחַד תְּכֵלֶת מָרְדְּכָי: אֲרוּרָה
זֶרֶשׁ אֵשֶׁת מַפְחִידִי. בְּרוּכָה אֶסְתֵּר בַּעֲדִי:
שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה בִּרְאוֹתָם יַחַד תְּכֵלֶת מָרְדְּכָי:
אֲרוּרִים כָּל הָרְשָׁעִים. בְּרוּכִים כָּל
הַצַּדִּיקִים: וְגַם חַרְבוֹנָה זָכוּר לַטּוֹב: שׁוֹשַׁנַּת
יַעֲקֹב צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה בִּרְאוֹתָם יַחַד תְּכֵלֶת מָרְדְּכָי:

לָאמִיר אַלֶע לִיסְטִיג זַיין, לָאמִיר אַלֶע פְֿרֵיילֶעךְ זַיין, לָאמִיר טְרִינְקֶען לְחַיִּים, לָאמִיר טְרִינְקֶען לְחַיִּים, עֶס זָאל שׁוֹין צָרוֹת מֶער נִישְׁט זַיין, יְשׁוּעוֹת אִין יֶעדֶע אִידִישׁ הֵיים, עֶס זָאל שׁוֹין צָרוֹת מער נִישְׁט זַיין, לְחַיִּים פַֿאר אַ לֶעבְּן אַ נַייעֶם, אוֹי ס'אִיז גוּט. אַז אִיךְ בִּין דָאךְ אַ אִיד, פַֿאר קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרֶא, נָאר פַֿארְן בּוֹרֶא, נָאר פַֿאר אִיהְם אַלֵיין, אוֹי ס'אִיז פַֿיין בֶּעסֶער קֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין, לְחַיִּים אִידְן זַייט צוּפְֿרִידְן

זִינְגְ'זְשֶׁע הוֹיעֶךְ אוֹיפְֿן קוֹל

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר

וְנַהֲפוֹךְ הוּא אֲשֶׁר יִשְׁלְטוּ הַיְּהוּדִים הֵמָּה בְּשֹׂנְאֵיהֶם:

וַתּוֹסֶף אֶסְתֵּר וַתְּדַבֵּר לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וַתִּפֹּל לִפְנֵי רַגְלָיו וַתֵּבְךְּ וַתִּתְחַנֶּן לוֹ אֵלִי אֵלִי לָמָה עֲזַבְתָּנִי:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם טַאטֶע'נְיוּ גֶעטְרֵייעֶר, קוּק אַרָאפּ פוּן הִימְל אוּן לֶעשׁ שׁוֹין אוֹיס דָאס פֵייעֶר, שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל הָאבּ שׁוֹין אוֹיף אוּנְז רַחֲמָנוּת, אוּן שִׁיק שׁוֹין מָשִׁיחַ אוֹיף מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת.

# פּוּרִים פּוּרִים לָנוּ

בקהילת הספרדים מזמרים זמר זה אחרי קריאת המגילה

פּוּרִים פּוּרִים לָנוּ, בָּרוּךְ אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ, יִתְרוֹמֵם שֵׁם אֱלוֹקֵינוּ, הַנּוֹקֵם אֶת נִקְמָתֵינוּ, עֲמָלֵק רֹאשׁ צָרֵינוּ, כִּי בִּרְפִידִים נִלְחַם בָּנוּ:

(פּוּרִים פּוּרִים לָנוּ)

וְאַף גַּם בִּהְיוֹתֵינוּ גוֹלִים בְּאֶרֶץ אוֹיְבֵינוּ לֹא עֲזָבְנוּ אֱלוֹקֵינוּ, לְהָפֵר בְּרִיתוֹ אִתָּנוּ:

(פּוּרִים פּוּרִים לָנוּ)

אֶסְתֵּר הָיְתָה לְרֹאשׁ, אֵל מֶלֶךְ גָּדוֹל וְקָדוֹשׁ, בִּימֵי הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, ה' הוּא מִשְׂגָּב לָנוּ:

(פּוּרִים פּוּרִים לָנוּ)

פַּתְשֶׁגֶן לְהַכְרִית אֶת עַם לֹא אַלְמָן, בַּעֲצַת הַצּוֹרֵר, הָמָן אֲזַי חַיִּים בְּלָעוּנִי:

(פּוּרִים פּוּרִים לָנוּ)

שָׁלַח רָצִים דְּחוּפִין, אֶל שֶׁבַע וּמֵאָה וְעֶשְׂרִים, לְהַשְׁמִיד כָּל הַיְּהוּדִים, לוּלֵי ה' שֶׁהָיָה לָנוּ:

(פּוּרִים פּוּרִים לָנוּ)

לָבַשׁ נָקָם וְלֹא חָסָה, עַל יְדֵי יְמִינִי וְהֲדַסָּה, זֶמֶר חָדָשׁ אֵלָיו אֶשָּׂא, עַד הֵנָּה ה' עֲזָרָנוּ:

(פּוּרִים פּוּרִים לָנוּ)

וַיּוֹצִיאֵנוּ לִרְוָחָה, מִיָּגוֹן לַאֲנָחָה, לַיְּהוּדִים הָיְתָה שִׂמְחָה, וְאוֹר יְקָר זָרַח לָנוּ:

(פּוּרִים פּוּרִים לָנוּ)

מַלֵּא גְּבִיעֲכֶם יַיִן, וְשִׁלְחוּ מָנוֹת לְאַיִן, וְנִרְאֶה עַיִן בְּעַיִן בְּשׁוּב ה' אִתָּנוּ:

(פּוּרִים פּוּרִים לָנוּ)

# פּוּרים שְׁפִּיל

אַ גוּטְן פּוּרים בָּרוּךְ הַבָּא
דֶער פְרֵיילִיכֶער יוֹם טוֹב אִיז שוֹין דָא

פּוּרים אִיז אַ יוֹם טוֹב פַאר קְלֵיין אוּן גְרוֹיס
לוּסְטִיג אוּן לֶעבֶּעדִיג אוּן אַ יֶעדֶע אִידִישׁ הוֹיז

ווייל הֵיינְט הָאט אוּנְז הַשֵׁם יִתְבָּרֵךְ בַּאפְרֵייט פוּן דִי צָרוֹת
אוּן מִיר הָאבְּן מִיט דִי רְשָׁעִים גֶעשְׁלָאגְן כַּפָּרוֹת

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען
אַ גַאנְצְן טָאג טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען

אוֹיב אִיר וֶועט מִיר גֶעבְּן אַ כּוֹס יַיִן
וֶועל אִיךְ אַייךְ אָנְוואוּנְטְשְׁן אַ לְחַיִים

אוּן ווייל עֶס אִיז אַ מִצְוָה פּוּרים צוּ גֶעבְּן מַתָּנוֹת
וֶועגְן דֶעם הָאבּ אִיךְ פַאר אַייךְ גֶעבְּרֶענְגְט מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת
הַשֵׁם יִתְבָּרֵךְ זָאל אָנְנֶעמֶען מֵיינֶע כַּוָונוֹת
דִי מִצְוֹת פוּן הֵיינְטִיגְן טָאג זֶענֶען אַנְשְׁטָאט קָרְבָּנוֹת
בִּזְכוּת זֶה שִׁיקְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ פַאר מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת
אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרים

הֵיינְט אִיז פּוּרים - אַ הֵיילִיגֶער טָאג
הֶערְט אוֹיס מֵיינֶע דִיבּוּרים - וָואס אִיךְ זָאג

אַ טֵייעֶרֶע גֶעלֶעגֶנְהֵייט
אִיז אוּנְז פוּן הִימְל צוּגֶעגְרֵייט

דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אוּנְזֶער תְּפִלָּה צוּהֶערְן
אוּן קֵיין יְרוּשָׁלַיִם צוּרִיק קֶערְן

דֶער נֵס דוּרךְ מָרְדְכַי וְאֶסְתֵּר
אִיז דֶער סִימָן דֶער גְרֶעסְטֶער

אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער פַארְלָאזְט נִישְׁט קֵיינְמָאל
זַיין הֵיילִיג פָאלְק יִשְׂרָאֵל

אוֹיךְ "אוּנְז" וֶועלְן מִיר הָאבְּן דִי זְכִיָּה
גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט אַ יְשׁוּעָה

צוּ גֵיין אַקֶעגְן מָשִׁיחַ'ן - בְּקָרוֹב אִין גִיכְן
פּוּרים אִיז בְּכֹחַ - דִי תְּפִלּוֹת גֵייעֶן הוֹיעֶךְ

עֶס מַאכְט אִין הִימְל אַ גְרוֹיסְן רוֹשֶׁם
דָאס ווייסְט יֶעדֶער מוּמְחֶה – מִשֶּׁנִּכְנַס
אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה
עֶס וֶועקְט אוֹיף דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים

אַ גַאנְץ יָאר פְרֵיילִיךְ - אַ גַאנְץ יָאר פְרֵיילִיךְ
פְרֵיילִיךְ דַארְף מֶען זַיין...
אַ לוּסְטִיגְן פּוּרים

וְעַל הַנִּסִּים וְעַל הַפֻּרְקָן וְעַל הַגְּבוּרוֹת וְעַל הַתְּשׁוּעוֹת וְעַל הַנִּפְלָאוֹת וְעַל הַנֶּחָמוֹת וְעַל הַמִּלְחָמוֹת שֶׁעָשִׂיתָ לַאֲבוֹתֵינוּ בַּיָּמִים הָהֵם בִּזְּמַן הַזֶּה:

בִּימֵי מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה. כְּשֶׁעָמַד עֲלֵיהֶם הָמָן הָרָשָׁע. בִּקֵּשׁ לְהַשְׁמִיד לַהֲרוֹג וּלְאַבֵּד אֶת כָּל הַיְּהוּדִים מִנַּעַר וְעַד זָקֵן טַף וְנָשִׁים בְּיוֹם אֶחָד. בִּשְׁלשָׁה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ שְׁנֵים עָשָׂר. הוּא חֹדֶשׁ אֲדָר. וּשְׁלָלָם לָבוֹז: וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים. הֵפַרְתָּ אֶת עֲצָתוֹ. וְקִלְקַלְתָּ אֶת מַחֲשַׁבְתּוֹ. וַהֲשֵׁבוֹתָ לּוֹ גְּמוּלוֹ בְּרֹאשׁוֹ. וְתָלוּ אוֹתוֹ וְאֶת בָּנָיו עַל הָעֵץ. וְעָשִׂיתָ עִמָּהֶם נֵס וָפֶלֶא וְנוֹדֶה לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל סֶלָה:

זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם: אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ וְאַתָּה עָיֵף וְיָגֵעַ וְלֹא יָרֵא אֱלֹהִים: וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה׳ אֱלֹהֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ מִסָּבִיב בָּאָרֶץ אֲשֶׁר ה׳ אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה לְרִשְׁתָּהּ תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם לֹא תִּשְׁכָּח: